ב״ה

# אהארבע ווארנונג

דעם ווייטער ערוויינטען איסור און שארפע קללה האבין אונזערע הייליגע רבנים זצוק״ל זיע״א ארויס גיגעבין געגין יעדין ועלכער ועט נעמען א איינטייל אין א וואל, ואס גיט צו פרויען רעכט צו וויילין און צו גיוויילט וערין ח״ו.

**אזוי וויא עס איז מפורסם גיווארין: דאס די חפשים מיט זייערע סעקטעס, ועלכע האבין אראפ גיווארפין פון זיך, דעם עול תורה, און דיא וואס זיי זיינען זיך מתחבר צו זיי.**

**צו מאכין רעוועלוציא געגין אונזערע הייליגע תורה. און איינצוברעכין, אטיפן איינברוך. אין דיא מויער פון אידישען דת. דורך באטייליגען פרויען. אין אספת־הנבחרים צו וויילין און צו גיוויילט וערין.**

**זיינען מיר מודיע דאמיט: דאס יעדערער ועלכער באטייליגט זיך אין דיא בחירה, גיט ער אהאנט, צו דיא פושעים, און העלפט אויסרייסין און אויסווארצלען דיא עקרים און דיא יסודות פון אידישען מוסר.**

**און עס איז פארבאטין, צו יעדער אידען, וואס דיא פיס פון זיינע עלטערין זיינען גישטאנען אויף דעם בארג סיני: סיי אמאן און סיי אפרוי, זיך צו באטייליגען אין די בחירה.**

**אין עס איז אהייליגער פליכט, אויף אלע יראי ד׳: צו פארמיידין מיט אלע מעגליכקייט, זייערע קרובים און זייערע שכנים, פון צו געהן צו די אסורע בחירות, וועלכע ברענגט אשרעקליכען בראך, אויף דיא הייליגע לאנד, און אחורבן אויף דיא גאנצע אידישקייט, און אויף כלל ישראל.**

# ופורץ גדר ישכנו נחש.

און דער ואס ועט פאלגין - זאל אויף עם קומען גוטע ברכות, ושלו׳ על ישראל. ה״ש חדש מר חשון תרפ״ו עיה״ק ירושלם ת״ו

יוסף חיים זונענפלד רב ואב״ד פעיה״ק

מרדכי ליב רובין
יצחק פרענקיל
דוב צבי קרעלינשטיין

בד״צ לכל מקהלות אשכנזים

אלי קלאצקין (גאב״ד לובלין)
משה קליערס (רב ור״מ בעיה״ק טבריא)
יוסף האפמאן (גאב״ד פאפא)

שאול־דוויך (רב עדת הבבלים פעיה״ק ת״ו) יוסף ידיד הלוי (ראב״ד עדת החלבים פעיה״ק ת״ו) יעקב חיים סופר (רב עדת הבוגדים פעיה״ק ת״ו)

צו דעם ערוויינטען איסור אויף בחירת נשים האבין זיך דאמאלס אויך מצרף גיוועזן אלע וועלט גאונים וצדיקים זצוק״ל זיע״א פון חו״ל וויא דער חפץ־חיים זצוק״ל ר׳ מאיר שמחה זצוק״ל ר׳ חיים עוזר גראדזינסקי זצוק״ל אז״ו און ען מיר האלטין היינט בא אזעלכע טרייפינע בחירות פון דיא „עירי״ אין ירושלם ת״ו איז דער זעלבער איסור פארשטארקט גיווארין דורך אונזער הייליגען רב ר׳ זעליג ראובן בענגיס שליט״א מיט זיינע בתי דינים פרו״ח שליט״א וויא זיי האבין דאס מודיע גיוועזן אין בעזונדערע בלאקאטין

דפוס «המסורה» ירושלם

מודעה משנת תרפ״ו, באידיש, נגד ההשתתפות בבחירות אשר התירו בחירת

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
מן המקור - ג: קלוגר, בנימין (1) {1} עמוד מס: 66 הודפס ע״י אוצר החכמה